בס"ד

# וואס האט טראמפ באשלאסן?!

# וועלן מיר הערן ביים הר סיני...

מאמר השקפה

חג השבועות

שנת תשפ"ו לפ"ק

**ובאו כולם בברית יחד, נעשה ונשמע אמרו כאחד.**

כלל ישראל גרייט זיך מיט הכנה דרבה צו מתן תורה, די הכנה צו דעם גרויסן טאג ווערט שוין דערמאנט אין די הייליגע תורה "**היו נכונים לשלשת ימים**", די תורה אליין זאגט שוין אז כדי צו קענען זוכה זיין צו קבלת התורה פעלט זיך אויס א געהעריגע הכנה, א הכנת הלב והנפש אז מ'זאל עפעס זוכה זיין, אז מ'זאל עפעס משיג זיין.

פאקטיש טוט יעדער איד אן הכנה צו קבלת התורה, שבועות איז במציאות א יו"ט וואס קיינער 'פאלט' נישט אריין דערין ווי 'א יון אין די סוכה', די מצוה פון ספירת העומר וואס איז קדמה לה ברענגט אויטאמאטיש אריין דעם מענטש אין די הכנה צום יו"ט שבועות, עס לאזט נישט איינשלאפן, יעדעס מאל וואס מ'ציילט א נייע וואך גיבט דאס א צאפל אין הארצן, עס גייט א טרייסל "אוי, עס איז שוין דריי וואכן צו שבועות, עס איז שוין צוויי וואכן צו שבועות, עס איז שוין איין וואך צו שבועות, און וואו בין איך אויף דער וועלט?!".

דאס דערמאנט און איז מעורר און מאנט דעם מענטש נישט אנקומען צום יו"ט אן די מינדסטע הכנה.

אט ערווארטן מיר דעם הייליגן יו"ט שבועות תשפ"ו, מיט שפאנענדע הערצער ערווארטן מיר די געהויבענע זמנים, די גרויסע נאכט פון '**תיקון ליל שבועות**', דער הייליגער זמן פון תפילת '**אהבה רבה**', דאס זאגן '**אקדמות**', דאס ליינען די עשרת הדברות, דאס פארליינען דעם שטר תנאים וכתובה בין ישראל לאביהם שבשמים, אה, אשרי העם שככה לו.

## התבוננות אין איציגע טעג

אין די טעג פון סוף חודש אייר/אנהויב חודש סיון געפאלט אויס די יארצייטן פון אונזערע זיידעס און עלטער-זיידעס וואס זענען אומגעקומען על קידוש ה' בשנת תש"ד לפ"ק, ווען הונדערטער טויזנטער אונגארישע אידן זענען געפירט געווארן קיין אוישוויץ, הי"ד.

מיט נישט לאנג צוריק - ווען עס זענען נאך געווען געווען צווישן אונז מערערע פון די זקני שארית עמך בית ישראל - האט זיך דאס שטארק דערקענט איבעראל, אין אלע היימישע מדרשים זענען אפגעהאלטן געווארן יארצייטן, די 'ברעטלעך' זענען געווען שטארק פארנומען, און אין יעדן מנין האבן מערערע אידן געזאגט קדיש לעילוי נשמת זייערע נאנטע. מ'האט געלערנט משניות און געטון וואס מ'קען לטובת די הייליגע נשמות וואס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם אין יענע שווערע און ביטערע תקופה.

> **יעדער איד וואס איז א מאמין אין דברי חז"ל גלייבט אז דאס וואס מיר לעבן מיט אין די לעצטע צענדליגער יארן, דאס איז אן עונש מן השמים, דאס איז דער 'העברת פי ה' היא לא תצלח', און קיינמאל וועט מען אין ארה"ק נישט האבן קיין מנוחה אונטער די הערשאפט פון די רשעי ישראל, די מורדים במלכות שמים.**

די תקופה איז א זמן גרמא צו טראכטן פון די ביטערע צרות, זיך דערמאנען און אויפפרישן איבער די ביטערע טראגעדיע וואס האט באטראפן דאס כלל ישראל, מיט בלויזע אכציג יאר צוריק. שוין אין די נייע 'פארגעשריטענע' עפאכע, ווען א מכלומר'שט העכסט-ציוויליזירט פאלק האט זיך אראפגעלאזט צו די ביליגסטע שטופע און נידריגסטער מצב וואס איז נאר שייך, און אויסגעמארדעוועט מיליאנען מענטשן פון א צווייטע פאלק, בלויז צוליב וואס יע געהערן נישט צו זייער ראסע.

אידישע קינדער האבן אבער געקוקט אויף דעם אומגליק מיט א באזונדערן בליק.

אמרו על מה עשה ה' ככה, אויך די צדיקים האבן קלאר געזאגט וואס עס איז דער עון הדור וואס האט גורם געווען דעם חורבן, דאס איז געווען די צרות הכלל וואס אזויפיל אידן האבן ליידער משלים געווען מיט א מצב פון זיך ארגאניזירן ארויסצוציין פון גלות פאר'ן זמן פון די גאולה שלימה, מען האט מיטגעשטימט מיט א רעיון פון איינעמען דעם שטח פון ארץ ישראל און דארט אויפשטעלן א מדינה פאר ביאת הגואל, מורד זיין אין די אומות העולם און אליינס טון אויף די אייגענע

האנט מיט מיליטערישע און טעראריסטישע מיטלען, און בעיקר צו טראנספערירן און איבערטוישן גענצליך דעם דמות פון כלל ישראל, פון א פאלק וואס באשטייט פון "**אורייתא, קודשא בריך הוא, וישראל**", צו א פאלק וואס באשטייט פון "**ארץ, שפה, לאום**", אן קיין שום אמת'ער קשר צו שמירת התורה והמצוות.

אויסער דעם האבן די ציונים ימ"ש גענומען א אקטיווע פאליטישע ראלע אין דעם אומגליק פון די צווייטע וועלט מלחמה. זיי האבן געהאט אגענדעס, זיי האבן געהאט צילן, און זיי האבן געוואוסט וואס זיי ווילן, און וואו זיי ווילן אנקומען.

פון די שריפטן פון הערצל ימ"ש זעט מען קלאר ווי ער האט פאראויס געשריבן אז עס איז א חובת השעה אויפצוהעצן די גוים אז זיי זאלן ארויסווארפן די אידן פון זייערע לענדער אזוי וועט מען מוזן גיין קיין ארץ ישראל.

דער רשע אליין האט דאס געטון און אויסגעפירט, ווען ער האט געשריבן גיפטיגע ארטיקלען קעגן זיינע אייגענע אידישע ברידער!, און מסביר געווען פאר די גוים אז זיי זאלן פארשטיין ווי וויכטיג און וואספארא טובה עס איז פאר זייער לאנד אז זיי וועלן פטור ווערן פאר די אידן.

> **יעדער איד וואס לייגט תפילין און לייגט קריאת שמע ווייסט דאס אז די מדינה איז א חורבן נורא פאר כלל ישראל - אפגעזעהן פון די חילוקי דיעות איבער ווי ווייט עס גייט דאס התבדלות פון די רשעים - איז דאך נישט מעגליך אז עס זאל זיין א איד וואס גלייבט אז עס איז דא א בורא עולם אויף די וועלט, און ער האט אונז געגעבן די תורה ומצוות, און ער זאל האלטן אז די מדינה איז א רצון ה', דאס איז דאך א תרתי דסתרי.**

אין די שפעטערדיגע תקופות, ווען חיים ווייצמאן שר"י האט זיך געשטעלט אין קאמף פערזענליך מיט דעם ש-ד היטלער ימ"ש, און ער האט ערקלערט א באיקאט קעגן דייטשלאנד, רעדנדיג אין נאמען פון "**כלל ישראל**", האט ער אויך גוט געוואוסט אז מיט דעם שריט האט ער אויפגערייצט דעם בער פון וואלד. און אויב פון אנהויב האט היטלער נאר גערעדט פון פארטרייבן די אידן, האט ער געטוישט זיין גאנג ביז ער האט דאס איבערגעלייגט אויף א נייעם פלאן פון א 'ענדגילטיגע לעזונג צו די אידען פראגע' וואס האט געמיינט להשמיד להרוג ולאבד ר"ל.

און אלס המשך צו דעם ציוני'סטישן מהלך האט אויך געדינט זייער בפועל'דיגע אקטיווע ראלע אין דעם וואס זיי האבן געשטערט יעדע פרואוו פון הצלה, און זיי האבן נישט צוגעלאזט קיין מעגליכקייט צו ראטעווען די אידן, אלעס ווייל פאר זייערע פאליטישע אינטערעסן האט געלוינט און עס האט זיך אויסגעפעלט אז ווי מער אידיש בלוט זאל פארגאסן ווערן "**כי רק בדם תהי' לנו ארץ**".

אט דאס אלעס קומט אויף אויפן געדאנק ווען עס דערנענטערט זיך די טעג ווען אונזערע זיידעס און באבעס, די קדושי אונגארן, זענען אומגעקומען אויף קידוש ה'. כלל ישראל טראכט איבער דעם חורבן, און מען מאכט די מסקנות וואס מיר ליידן נאך דערפון עד היום הזה.

שוין דעמאלטס, נאך אין יענע צייטן ווען די ערשטע ציונים זענען ארומגעגאנגען פראפאגאנדירן איבער די לענג און ברייט פון אייראפע רופנדיג די אידן ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל, האבן זיי געוואוסט אויף וועלכע סטרונעס צו טרעטן, און טראצדעם וואס דער געדאנק פון הערצל ימ"ש האט נישט דוקא געהאט צו טון מיט ארץ ישראל, און פון זיין זייט אויס האט ער שוין געהאט געמאכט פלענער פון גרינדן זיין נייע מדינה אין אוגאנדא, אפריקע, האבן זיי אבער געניצט די פראפאגאנדע אויפ'ן חשבון פון די איינגעבאקענע בענקשאפט פון אידישע קינדער צו ארץ אבותינו, ארץ ישראל.

גרויסע פלאקאטן מיט די ווערטער "דער צווייטער טויזענט יעריגער גלות רופט צו אונז", דאס זענען געווען די סלאגאנען מיט וואס זיי האבן געכאפט די הערצער, און מיט דעם האבן זיי אפגע'שמד'עט מאסן מאסן מיט אומשולדיגע אידישע קינדער וואס זענען פארשלעפט געווארן דורך זייערע פראפעגאנדעס, און זענען ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל איבערלאזנדיג זייער גאנצער עבר אונטערוועגנס.

פון די טעמע פון גלות וגאולה האבן זיי געמאכט א גרויסן עסק, דער "ותחזנה עינינו במהרה בשובך לציון ברחמים" דאס איז געווען א גוטער מיטל צו ארבעטן אויף די געפילן, אבער דאס איז געווען גענצליך ליידיג פון סיי וועלכע דעקונג.

## נישט אונזער מלחמה

אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט לעבן אין די טעג און וואכן אין אנגסט און שרעק, א דאנק די לעצטע געשעענישן, ווען דער איזראעלישע פירער און די ציוני'סטישע שישקעס שטופן אלס ווייטער די אגענדעס אנצוגיין מיט'ן בלוטיגן קריג מיט איראן, כאטש וואס די איבערוויגנדע מערהייט אין אמעריקע און ארום די וועלט זעט דערין א שרעקליכן אומגליק, און קיין שום אויפריכטיגער מענטש זעט נישט דערין קיין שום טובה פאר'ן 'עם היושב בציון'.

ניין, עס איז קלאר, עס איז קיין טובה נישט פאר קיינעם, מיר קענען זייער גוט די נאנט צו אכציג יעריגע בלוטיגע היסטאריע פון די ציוני'סטישע מדינה, מיר זעען דעם יד ה',

דאס וואס דארט איז נאכנישט געווען קיין איין טאג פון שלום און מנוחה דאס האבן צדיקים פאראויס געזען און זיי האבן דאס געזאגט, און ליידער זעט זיך אויס אז ביז משיח'ס טאג וועט דארט קיין שלום נישט זיין.

פון די צווייטע זייט, כאטש מיר נעמען נישט קיין אקטיווע שטעלונג אין אלעס וואס איז נוגע דעם ציוני'סטישן פאליטיק, ליגט אויף אונז א פליכט צו ארויסזאגן קלאר, אז די מדינה וואס די ציונים האבן דעראבעוועט איז כנגד התורה, מיר דארפן דאס נישט, און מיר טארן דאס נישט האבן, און אודאי און אודאי איז דאס נישט ווערד איין טראפן אידיש בלוט.

דאס וואס דער שפארבערישער ביבי נתניהו צוליב זיינע פאליטישע אינטערעסן לייגט זיין מאקסימום פרעשור אויפ'ן אמעריקאנער פרעזידענט אז מ'זאל ממשיך זיין מיט'ן 'קרבות יחפצון', כאטש וואס דער מצב איז זייער נישט גוט, און ס'איז נישטא קיין שום עכטע וועג ארויס. דאס לייגט אונז אלעמען אריין אין גרויסע צרות.

דער כעס און אויפברויז וואס דאס ברענגט אויף ביי מיליאנען און ביליאנען גוים איבער די גאנצע וועלט איז אין לשער. דער גוי פארשטייט דאך אויך פאליטיק, דער גוי זעט אויך וואס דא טוט זיך, ער זעט אויך די צווייטע זייט פון די מטבע, דאס ברענגט אויף בלוט אין קאפ און פלאמט אויף דעם פייער פון שנאת ישראל.

דער ראש ממשלת הכופרים, א פרייער פורק עול תורה ומצוות, וואס איז ווייט פון אידישקייט כרחוק מזרח ממערב, קען אבער שיקן א פאלשער מעסעדזש איבער די צוגעבינדענע געפילן וואס אידישע קינדער האבן צו דאס לאנד פון אונזערע עלטערן, און ווי כאילו מיר דארפן לוחם זיין אויף ארץ אבותינו, און כאילו דאס איז דא די מלחמה.

מיר וואונדערן זיך: **האט ער אמאל געלערנט חומש? צי ווייסט ער בכלל אז ארץ ישראל איז עפעס וואס דער רבש"ע האט אונז צוגעזאגט אלס א תנאי אז מיר וועלן זיך אויפפירן ווי עס דארף צו זיין? והיה אם שמוע תשמעו בקולי, אם בחוקותי תלכו.**

האט ער אמאל געלערנט די ערשטע רש"י אין די תורה, "כח מעשיו הגיד לעמו לתת להם נחלת גוים, ברצונו נטלה מהם ונתנה לנו", דאס לאנד איז נישט אונזערס, מיר קענען דאס נישט אליינס נעמען, דאס איז א מתנה פונעם אויבערשטן וואס ער האט אונז געגעבן, אויב עס קומט זיך און מיר זענען דאס ווערד, און אז נישט האט ער דאס אוועק גענומען און מיר זענען נישט בארעכטיגט דאס צוריק צו נעמען.

פון די גאנצע תורה און אידישקייט ווייסט ער נישט, פונעם גאנצן מציאות פון אמונה בה' ווייסט ער נישט, אבער די טעמע פון דעם קשר פון אידן קיין ארץ ישראל, דאס קומט אים צונוץ און דאס ברענגט ער אויף.

אט דאס איז געווען דער מהלך פון די ציונים מאז ומקדם, זיי רייסן אויס די גאנצע תורה הק' רח"ל, אבער אין פאל עס קומט זיי אויס גוט, ווילן זיי נאך עפעס מרוויח זיין דערפון.

און דא שטעקט די גרויסע סכנה.

אז די גויי הארץ הערן דעם מעסעדזש, און מ'זעט ווי דער ציוני שלעפט אריין דעם אמעריקאנער פרעזידענט אין די ווייטערדיגע מלחמה, און זיי מיינען אז נתניהו רעדט גאר בשם כלל ישראל, און בשם התורה, און דער מיינונג ווערט אויסגעדרוקט דורך אידן וואס האלטן די תורה.

**כאטש מיר נעמען נישט קיין אקטיווע שטעלונג אין אלעס וואס איז נוגע דעם ציוני'סטישן פאליטיק - ליגט אויף אונז א פליכט צו ארויסזאגן קלאר, אז די מדינה וואס די ציונים האבן דעראבעוועט איז 'כנגד התורה', מיר דארפן דאס נישט, און מיר טארן דאס נישט האבן, און אוודאי און אוודאי איז דאס נישט ווערט איין טראפן אידיש בלוט.**

און זיי דארפן זייער קלאר דערהערן אז דאס איז נישט ריכטיג.

## ס'גייט זיי נאכאלץ נישט

נאר ווי אלעמאל איז אזוי ווייטאגליך, ווען מ'הערט צווישן אידן שומרי תורה ומצוות דיסקוסיעס, און מ'דעבאטירט איבער די נייעס ווי כאילו דאס איז אונז עפעס נוגע, ווי כאילו 'מיר' קענען עפעס מרוויח זיין, און ווי כאילו א איד א שומר תורה ומצוות האט בכלל א רעכט דא צו לאזן הערן אפילו בלויז זיין פאליטישע מיינונג.

מיר דארפן חזר'ן, וויסן און געדענקען אלעמאל, דא האנדלט זיך איבער די ציוני'סטישע מדינה, אט די מדינה וואס איז געגרינדעט געווארן מיט'ן ציל מורד צו זיין אין מלכות שמים, זי האט אויסגערופן א מרידה אין רבונו של עולם, אין גזירת הגלות, און זי האט גענומען פאר איר ציל עוקר צו זיין דעם דת, און חרוב מאכן דאס אידישקייט ר"ל.

יעדער איד וואס לייגט תפילין און לייענט קריאת שמע ווייסט אז די מדינה איז א חורבן נורא פאר כלל ישראל - אפגעזען פון די חילוקי דיעות איבער ווי ווייט עס גייט דאס התבדלות מרשעים. ס'איז דאך נישט מעגליך אז עס זאל זיין א איד וואס גלייבט אז עס איז דא א בורא עולם אויף די וועלט וואס האט אונז געגעבן די תורה ומצוות, און ער זאל האלטן

אז די מדינה איז א רצון ה', דאס איז דאך א תרתי דסתרי.

יעדער איד וואס גלייבט אינעם אויבערשטן און אין די י"ג עקרים, מוז גלייכצייטיג אנערקענען אז דער ציוני'סטישער צה"ל, דער 'כוחי ועוצם ידי', דער מיליטער וואס האט הויך אויסגערופן אז זיי זענען כופר אינעם גזירת הגלות, און זיי גייען אליינס זיך באפרייען פונעם צוויי טויזנט יעריגן גלות, דאס איז א שטיק כפירה במלכות שמים! יעדער שווערד, יעדער רעוואלווער, דעמאנסטרירט דעם 'אין לנו חלק ונחלה', דאס שטעלט מיט זיך פאר אז מען לייקענט אפ דעם 'ומפני חטאינו גלינו מארצינו', און מען גייט בכח הזרוע פורק זיין דעם גזירת הגלות.

> **איז די שאלה פארוואס שלאגן זיי זיך?! צוליב וועלכע סיבה האט עולה געווען על דעתם זיך צו שלאגן מיט אלע שכנים, און מיט איראן, ווען זיי זעהן דעם מצב נורא?! וואו האבן זיי איינגעזעהן אז דער מצב איז בעסער ווען מען גיט נישט נאך פאר די אראבער זייערע פאדערונגען?! עס איז דאך ליידער געווען א מציאות אז אויף וועלכע זייט מ'האט זיך נאר געדרייט האט מען באצאלט מיט בלוט...**

יעדער איד וואס האט נאר א מח בקדקדו זעט מיט די אויגן אז דער ביטערער מצב פון די מדינה היינט צוטאגס, דאס וואס אידיש בלוט גיסט זיך ווי וואסער, איז א תוצאה פון די שרעקליכע התגרות באומות וואס די רשעים האבן אלע יארן אנגעמאכט. עס קען זיך קיינער נישט אויפשטעלן און דערקלערן אז אלמלא דאס ציוני'זם וואלט קיינמאל נישט עקזיסטירט, וואלטן מיר ווען היינט געהאט סיי וועלכן פראבלעם מיט די ישמעאלים.

יעדער איד וואס איז א מאמין אין דברי חז"ל מוז אנערקענען אז דאס וואס מיר לעבן מיט אין די לעצטע צענדליגער יארן, דאס איז אן עונש מן השמים, דאס איז דער 'העברת פי ה' היא לא תצלח', און קיינמאל וועט מען אין ארה"ק נישט האבן קיין מנוחה אונטער די הערשאפט פון די רשעי ישראל, די מורדים במלכות שמים.

עס איז א קלארער פאקט אז עס קען היינט נישט קומען קיינער און ווייזן מיט די פינגער 'כזה ראה וקדש', אט דער וועג וועט פירן צום ענדגילטיגן שליכטונג פון דעם קאנפליקט.

די גרעסטע שרי ומלכי אומות העולם זענען שוין פארנומען דערמיט צענדליגער יארן און זיי זענען נאך מיט קיין לעזונג נישט אויפגעקומען. מען האט שוין פרובירט אלע מיטלען, מען האט זיי שוין צוריק געגעבן שטחים, מען האט זיי שוין דערלאנגט מערדערליכע קלעפ, מען איז שוין געגאנגען מיט אלע שפראכן, און פרובירט אלע וועגן, אבער מען האלט נאך ביים אלף. און ווען מ'ענדיגט מיט איינעם, הייבט זיך עס אן מיט א צווייטן.

איז די שאלה פארוואס שלאגן זיי זיך?! צוליב וועלכע סיבה האט עולה געווען על דעתם זיך צו שלאגן מיט אלע שכנים, און מיט איראן, ווען זיי זעען דעם מצב נורא?! עס איז דאך ליידער א מציאות אז אויף וועלכע זייט מ'האט זיך נאר געדרייט האט מען באצאלט מיט בלוט.

איז וואס זאל מען טון?! אין אזא צייט זאגן שוין חז"ל, אז מ'גיבט נישט קיין עצות פארן רבש"ע, מיר ווייסן סייווי נישט וואס פאר אונז איז גוט, און וואס עס איז אונזער טובה. מיר דארפן טאקע מתפלל זיין, און אוודאי דארפן מיר שופך שיח זיין, אבער מיר דארפן בעטן דעם אויבערשטן אז ער זאל אונז העלפן, ער זאל אונז באשיצן, און ער זאל רחמנות האבן עלינו ועל עוללינו וטפינו.

דאס זעען מיר קלאר, די מדינה פרובירט שוין אכציג יאר און האט נישט געטראפן קיין וועג ארויס, יעדעס מאל שרייען זיי אז 'דאסמאל' וועט מען מצליח זיין, 'יעצט גייט מען זיי ווייזן', 'איינמאל פאר אלעמאל', און דריי מינוט שפעטער טרעפט מען זיך ווידער אין א פרישע בלאטע, מיט פרישע אידישע קרבנות ה"י.

**געבן עצות פארן רבש"ע, דארפן מיר נישט!** וויאזוי ער זאל אונז העלפן, ווער עס זאל זיין די שלוחים, האט ער אונז נישט געפרעגט, מיר זענען צו קליין דאס צו קענען פארשטיין.

דער רבש"ע וואס פירט די וועלט בחכמתו האט א לעזונג צום מיטל-מזרח פראבלעם אויך, און ער נויטיגט זיך נישט אין אונזערע קליינקעפלדיגע מוחות זאלן אים פארשרייבן ווי אזוי ער זאל אונז העלפן.

מיר דארפן טון איין זאך: **מתפלל זיין, און עס באטראכטן וויאזוי אן ערליכער איד דארף עס אנקוקן. ווען מיר וועלן טון אונזערס, וועט דער רבש"ע טון זיינס און אונז באפרייען פונעם ביטערן 'גלות צווישן אידן'.**

דאס וועט זיין אונזער ריכטיגער "קבלת התורה" אינעם הייליגן יו"ט. נישט נאר מיט'ן זינגען אהבה רבה און עסן קרעפלעך, נאר אויך מיט אריינעמען די תורה הק' און איר השקפה אין אונזער גאנצער וועזן, טראץ די מאסיווע אומאויפהערליכע פראפאגאנדע וואס נעמט אונז ארום השכם והערב. דוקא די שווערע חלקים, דארט קומט ארויס די שיינקייט פון א איד און זיין קיום התורה.

**ובאו כולם בברית יחד נעשה ונשמע אמרו כאחד.**